©Copyright 1998 Artists For Israel International All Rights Reserved.

# טעסאלוניקער 2

## קפיטיל 1

1 פון שאול,סילוואנוס,און טימוטיוס צו די קהילה פון די טעסעלוניקער אין ג-ט אונדזער פאטער און ישוע המשיח.
2 חסד און שלום צו אייך פון ג-ט דער פאטער און דעם האר ישוע המשיח.
3מיר דארפן דאנקן ג-ט פאר אייך שטענדיק ,ברידער וואס פאסט ווייל אייער אמונה וואקסט פון טאג צו טאג און אייער ע ליבע איינער צום אנדערען איז וואס מער.
4 דעריבער מיר באריםן זיך מיט אייך אין די אלע אנדערע קהילות צוליב אייער אמונה און סבלנות אין אלע אייערע רדיפות איר לייט.
5 דאס איז א קלארא באווייז אז ג-טס משפט איז גערעכט.און צוליב דעם וועט איר זיין ראוי צום ג-טס קעניגרייך פאר וועלעכער איר לייד.
6 ווייל עס איז דאך גערעכט ווען ג-ט שיקט צרות צו די וועלעכע מאכן אייך צרות.
7 און צוגעבן אייך,די געפייניקטע, מנוחה צוזאמען מיט אונדז ווען דער האר ישוע וועט אנטפלעקט ווערן צוזאמען מיט זיינע מלאכים.
8 אין א פלאם פייער געבנדיק א נקמה פארגעלטונג די וואס קענען נישט ג-ט און זיינן נישט געהארכזאם צו דער גוטער בשורה פון אנדזער האר ישוע . 9 זיי וועלן לידן דעם גערעכטער עונש,אן אייביקע פארניכטונג ,ווייט פון דעם געזיכט פון דעם האר און תפארת פון זיין מלכות.
10 אויף יענם טאג ווען ער וועט קומען צו פארהעליכט ווערן פון זיינע קדושים און באוונדערט ביי אלע מאמינים,דעמאלצט וועט איר אויך זיין מיט זיי וויל איר האט געגלויבט מיין עדות צו אייך.
11 דערפאר מיר זיינן שטענדיק מתפלל פאר אייך אז אונדזער ג-ט זאל אייך מאכן ראוי צום רוף און איר זאלט מקיים זיין ,דורך זיין הילף,אלע גוטע כוונות און מעשים וואס שטאמען פון אייעע אמונה.
12 אזוי וועט דער נאמען פון אונדזער האר ישוע פאהעליכט ווערן אין אייך און איר אין אים.לויט דעם חסד פון אונדזער ג-ט און דעם האר ישוע המשיח.

## קפיטיל 2

1אבער בנוגע צו דעם קומען פון אונדזער האר ישוע המשיח און אונדזער פארזאמלונג כדי אים צו טרעפן,מיר בעטן אייך ברידער
2 נישט צו ווערן צעטומלט אין געדאנק אדער באזארגט צוליב א גייסט אדער א ווארט אדער א בריוו וי פון אונדז פון אונדז וואס פאקלומירט אז דער משיח איז שוין געקומען.
3 לאזט קיינער אייך נישט אפנארען בכלל ווייל יענער טאג וועט נישט קומען ביז עס ווערט אן אפקערן פון אמונה און דער מענטש פון זינד וועט אנטפלעקט ווען דער בן אבדון.
4 ער וועט זיך גרויס מאכן און אקעגענשטיין אלע וואס מיר רופט געטע און עבודה ער וועט זיך שטעלען העכער פון זיי אלע כדי אז ער וועט זיצען אין דעם בית המקדש פון ג-ט כדי אז ער זאל זיך קענען מאכן אליין א ג-ט.
5 צי איר געדענקט נישט אז איך האב דאס שוין געזאגט זייענדיק מיט אייך.
6 און איר ווייסט וואס האלט אים צוריק ווייל ער קען נישט אנטפלעקט ווערן ביז זיין צייט קומט אן.
7 און דער סוד פון רשעות ווירקט שוין:עס וועט זיין בשטיקה ביז דער וואס האלט אים צוריק וועט ווערן אוועקגענומען.
8 דעמאלט דער רשע וועט אנטלעקט ווערן און דער האר ישוע וועט אים הרגנען מיט דעם אטעם פון זיין מויל און פארניכטן מיט דער דערשיינונג פון זיין קומען.
9 זיין קומען איז לויט דעם ווירק פונם שטן צוזאמען מיט פאלשע ניסים,אותות,ומופתים.
10ער וועט נוצען אלע סארט רשעותדיק רמאות כדי אפצונארן די וואס זיינן אויפן וועג צו פארניכטונג ווייל זיי האבן אפגעזאגט די ליבע פון אמת וואס האט זיי געקענט ראטעווען.
11 און צוליב דעם וועט ג-ט זיי שיקן שטארקע אילוזיעס.
12 כדי זאללן פארדאמנט ווערן אלע וועלעכער האבן נישט געוואלט גלויבן דעם אמת און האבן הנאה געהאט פון רשעות.
13 אבער מיר דארפן שטענדיק דאנקן ג-ט פאר אייך,בליבטע דרידער אין דעם האר, ווייל פון אנהייב אן האט ג-ט אייך אויסדערוועלט צו ישועה און קדושה דורכן גייסט און אמונה פונם אמת.
14 דעריבער ער האט אייך גערופן דורך אונדזער בשורה כדי צו

באקומען די הערליכקייט פון אונדזער האר ישוע המשיח.
15 דעריבער,ברידער,שטייט פעסט און האלט אן די קבלות וואס איר זייט געלערנט געווארן סאי דורך א ווארט אדער דורך א בריוו.
16 יעצט אונדזער האר ישוע המשיח אליין און ג-ט אונדזער פאטער ווער האט אונדז ליב געהאט און האט אונדז געגבן אן אייביקע נחמה און א גוטע האפנונג
17 זאל טרייסן אייער הערצער און שטארקן אייך אין אלע גוטע מעשים און יעדען גוטן ווארט.

## קפיטיל 3

צ ום שלוס ברידער,איך בעט אייך צו מתפלל זיין פאר אונדז אז דער הארס ווארט זאל פארשפרייט ווערן גיך און פארהעלעכט ווערן אומעטום אזוי ווי ביי אייך
2און איך זאל ניצל ווערן פון שלעכטע און רשעים ווייל נישט אלע האבן די אמונה.
3אבער דער האר איז געטריי און ער וועט אייך פארשטארקן און היטן פון בייזן.
4 און מיר האבן בטחון אינם האר וועגן אייך אז איר טוט וואס מיר האבן אייך געלערנט און איר וועט ווייטער טון.
5 זאל דער האר אייך קערען איירע הערצע צו ג-טס ליבע און צו די סבלנות וואס דער משיח גיט.
6 און יעצט ברידער אין ישוע המשיחס נאמען מיר באפעלן אייך אז איר זאלט זיך אפשיידן פון יעדער ברודער וואס גייט אומארנטליך און נישט לויט די קבלה איר האט פון מיר באקומען.
7איר אליין ווייט ווי אזוי אונדז נאכצומאכן ווייל מיר האבן זיך נישט געפירט אומארנטליך צווישן אייך.
8מיר האבן פון קיינעם גענאמען ברויט אומזיסט,מיר האבן געארבעט טאג און נאכט כדי נישט צו פאלן קיינם פון אייך צו לאסט.
9נישט ווייל מיר האבן קיין רעכט נישט געהאט נאר מיר האבן געוואלט זיין א ביישפיל פאר אייך נאכצומאכן.
10 ווייל ווען מיר זיינן געווען מיט אייך האבן מיר אייך באפוילן אז דער מענטש וואס ארבעט נישט וועט נישט עסן.
11 מיר הערן אז עטלעכע פון אייך פירן זיך אומארנטלעך -ארבעטן נישט נאר זיך אריינמישן ביי יענעס געשעפטן.
12 מיר באפוילן א זעלעכע ללייט און אינם האר ישוע ווארן זיי צו ארבעטן און פארדינען זייער אייגענער שטיק ברויט.
13 אבער אייך ברידער ווער נישט מיד פון מעשים טובים.

14  נאך מער אויב  אמיצער  הערט נישט וואס  מיר שרייבן אין דעם בריוו,פארצייכענט אים און האט נישט מער צו טון מיט אים כדי ער זאל זיך שעמען.
15 אבער האלט אים נישט  ווי א שונא נאר גיט אים מוסר ווי א ברודער כדי ער זאל זיך פארבעסערן.
16  יעצט זאל דער האר פון שלום אייך שענקן שלום אין אלע ווייזן.דער באר זאל זיין מיט אייך אלעמען.
17  דער גרוס שרייב איך מיט מיין אייגענער האנט וואס איז א סימן אין אלע בריוו דער חסד פון אונדזער האר ישוע זאל זיין מיט אייך אלעמען.